## בס"ד. התוועדות פורים ה'תשל"ב

הנחה פרטית בלתי מוגה

בשעת "ישנו מן המצוות", אפילו דעמולט אז "נהנו מסעודתו של אותו רשע", אפילו לויט דער צווייטער דיעה, אז "נשתחוו לצלם", וואס דאס איז דער ענין פון דער ערגסטער עבירה פון עבודה-זרה – איז אפילו המן, וואס ער איז געוועזן א "צורר היהודים", און האט געזוכט חסרונות אויף אידן – האט ער געמוזט אנערקענען דעם אמת, אז ניט ח"ו א איד וויל ניט מקיים זיין דעם אויבערשטנ'ס ציווי, נאר וואס דען – וואלט זיין שכל געווען וואכעדיק – וואלט ער זעלבסט-פארשטענדלעך געווען א שומר תורה ומקיים מצוות; איצטער איז ער אבער אנטשלאפן געווארן!

וואס אז דער "צורר היהודים" זאגט אזוי – איז דאך א סימן אז דאס איז זיכער ניט ח"ו ערגער; ער קען מגזם זיין אין צד הבלתי-טוב אבער ניט זאגן בעסער ווי דאס איז.

וואס אט דא גיט די מגילה אן אפלערנונג פאר יעדער אידן, ווי גערעדט פריער אז אפילו א פרט אין דער מגילה איז א הוראה גדולה, א מורא'דיקע אנווייזונג, און א מופלא'דיקע אנווייזונג פאר א אידן:

אז מ'טרעפט זיך מיט א צווייטן אידן, דארף מען וויסן זיין, אז וויבאלד אז ער איז בן אברהם יצחק ויעקב, אדער זי איז בת שרה רבקה רחל ולאה – איז א דבר ברור אז "לבו ער לתורתו ולמצוותי"! איז א זיכערע זאך אז זיין הארץ איז וואכעדיק צו לערנען תורה און צו מקיים זיין מצוות וואס שטייען אין דער תורה.

ס'קען נאר זיין אז ס'איז מערניט ווי "לבו ער" – די הארץ איז א וואכעדיקע הארץ, און די כחות חיצוניים, אט דאס וואס געפינט זיך און פארדעקט אויף דער הארץ, שלאפט – לאזט דאס ניט דורך אט דאס וואס די הארץ פאדערט פון אים, אז דאס זאל ביי אים ארויס אין פועל, ער זאל לערנען תורה און מקיים זיין מצוות אין טאג-טעגלעכן לעבן,

אבער ס'איז מערניט וואס ער איז אנטשלאפן געווארן.

בשעת מ'זעט אז א מענטש שלאפט, און ער געפינט זיך אין א הויז וואס די הויז ברענט – וועט דאך קיינער ניט טראכטן בא זיך אז ער טאר אים ניט גיין אויפוועקן פון שלאף, דערפאר וואס דאס איז יענעמ'ס א "פריוואטע אנגעלעגנהייט", און מ'טאר זיך צו יענעם ניט מישן!

ווארום ווען יענער וועט זיך אויפכאפן, וועט ער אים ניט דארפן מסביר זיין אז ער דארף ארויסלויפן פון דער הויז; ער אליין וועט וויסן אז אזא סארט הויז טויג ניט פאר אים. סאיז מערניט וואס ער איז אנטשלאפן געווארן זעט ער ניט וואס עס טוט זיך ארום אים.

און אט דעמולט ליגט דער חוב קדוש אויף די אלע וואס זיינען ארום אים, אז זיי זאלן אים אויפוועקן פון שלאף, און מער דארפן זיי גארניט טאן, ווארום ווי המן טענה'ט, אז "ישנו מן המצוות": אט דאס וואס "נהנו מסעודתו של אותו רשע"; אט דאס וואס "השתחוו לצלם" – איז דאס מערניט דערפאר וואס זיי שלאפן,



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת צו

און דערפאר, אז דער אויבערשטער האט זיך אויף געכאפט, אז ס'איז געווען "נדדה שנת מלכו של עולם", וואס אט דעמולט איז "כמים הפנים אל הפנים" האבן זיך אויפגעוועקט די נשמות פון די אידן דא למטה – איז געווארן "ליהודים היתה אורה – זו תורה", מיט אלע פרטים: "ושמחה זה יו"ט וששון זו מילה ויקר אלו תפילין", וואס "הוקשה כל התורה כולה לתפילין".

פון יעדער ענין פון תורה דארף מען דאך ארויסנעמען אן ענין בהנוגע לעבודה בפועל –

איז די ערשטע זאך, אז מ'טרעפט א אידן, און אים ווייזט זיך אויס אז דער איד האט זיך געדארפט אויפפירן אנדערש אין בין אדם למקום, אדער אויפפירן זיך אנדערש אין בין אדם לחבידו, במילא שטייט אים ניט אן צו האבן צו-טאן מיט אט דעם אידן, ווארום ער פירט זיך אויף ניט ווי עס דארף-צו-זיין –

זאל מען וויסן זיין, אז אפילו המן צורר היהודים זאגט אויך, אז פארוואס פירט זיך דער איד אויף ניט ווי עס דארף-צו-זיין – דערפאר וואס ער איז אנטשלאפן געווארן, און ווען דו וועסט אים אויפוועקן, אדער אימעצער אן אנדער וועט אים אויפוועקן – איז א דבר ברור אז בין אדם למקום און סיי בין אדם לחבירו וועט ער זיך אויפפירן ווי מ'דארף זיך אויפפירן,

און קען נאך זיין נאך שענער פון דעם וואס וועט אים אויפוועקן פון שלאף, ווארום "אין אדם יודע מה שבלבו של חבירו"; אט דאס וואס "לבו ער לתורה ולמצוותי'" פון דעם וועקער און "לבו ער לתורה ומצוותי'" פון דעם וועמען מ'דארף אויפוועקן – איז קען זיין אז יענעמס "לבו ער" איז א שטארקערער ווי זיין "לבו ער"!

ווען וועט ער דאס ערשט קענען וויסן – ווען ער וועט אים אויפוועקן.

און דאס וואס ער וועט מורא-האבן, וואס הייסט ער וועט יענעם שטערן פון שלאף, בשעת אים ווייזט זיך אויס אז יענער שלאפט געשמאקערהייט, און האט הנאה פון שלאפן – זאגט מען אים, אז דאס איז מערניט וואס יענער איז אנטשלאפן געווארן מיט ניט קיין געזונטן שלאף!

"התורה היא חיינו ואורך ימינו"; אויף מצוות שטייט "וחי בהם": די ענינים וואס א איד לעבט איז דאס דורך דערויף וואס ער איז מניח תפילין ועד"ז כל שאר המצוות, במילא, אז ביי אים פעלט עפעס אין אזא ענין – איז דאס ניט קיין געזונטער שלאף!

וואס זאגן אז ער זאל אים ניט אויפוועקן פון אט דעם שלאף – איז דאס היפך הענין! דאס איז איינע פון זיינע הייליקסטע זאכן, אז ער זעט אז יענער שלאפט מיט ניט קיין געזונטן שלאף – זאל ער אים גלייך אויפוועקן.

און ס'איז א זיכערע זאך, אז סוכ"ס וועט יענער אים זיין דאנקבאר דערפאר!



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.